בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס מ"ה, ראה - שופטים, תשע"ט

# תוכן השיעור

'מיין מתיקין'

"אזמר בשבחין" מיט'ן רבי'נס נגינה...

'כמו חלב ודשן תשבע נפשי'

'מה עשה האיש הזה'?!

'וקדושים בכל יום יהללוך סלה'

"איינגעבאקן אין הארצן"

'והארץ אזכור'

"אלט טאר מען ניט זיין"!

'לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה'

"מיין מענדאל"...

'המאור הקטן'

'חבל על דאבדין'

'שיחות חולין של תלמידי חכמים'

'טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו'

'אם אבוא באהל ביתי'

'סעודה שאינה מספקת לבעליה'...

'הרופא לכל תחלואיכי'

"אזוי ווי אלע יאר"!...

"אויס מתנגד"...

"צושאסן זאל איך ווערן - נאר ביים רבי'ן זאל מען זיין"

'ובזרעו אחריו'...

סיפורי התלאות והנסים בימות הפורעים ימ"ש בשנות תרע"ט - תר"פ

---

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

**ארה"ב: 1-646-585-2960 ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל**

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 45**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15

עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת חקת (ב'), תשל"ד

## ובו סיפורי התלאות והנסים בימות הפורעים בשנות תרע"ט - תר"פ

(טייפ מס' 41# - 42#)

## 'מיין מתיקין'

(מדברים מר' נחמן נעמירוב'ער נכדו של מוהרנ"ת ששימש כש"ץ בקיבוץ ראש השנה ויום כיפור באומין), **ער איז זייער א געהויבענער מענטש געוועז!** (השואל: א למדן אויך?) **איך ווייס נישט, זייער א געהויבענער מענטש!**

**ר' אבא** (לישינסקי ז"ל ב"ר יחיאל חתן ר' נחמן טולטשינער) **האט געזאגט אמאל, "ער חידוש'ט זיך ווי קומט אז נחמן זאל דאווענען אזוי געשמאק"! - "אבא" איז געווען ר' אברהם'ס א פלומעניק, ר' יחיאל'ס א זוהן.**

**"ווי קומט עס אז ער - ער איז געווען גאר א 'מזכיר'** (סעקרעטאר) **אין א געשעפט פון ברעטער - זאל ער מאכן אזא דאווענען? אזא געשמאקער דאווענען"? ס'איז געווען געוואלדיג זיין דאווענען!**

**איז ער געווען אין נעמירוב, ער האט געהאלטן ביי איהם שבת - אבא, האט ער געזעהן וואספארא שבת ער האט געהאט דער ר' נחמן, אזמר בשבחין, אשת חיל, אה פארגאסן דעם טיש מיט טרערן, האט ער געזעהן, "אזוי? קענסטו דאווענען יום כיפור אזא דאווענען"!**

**אזא מין - ממש ווי דער רבי רעדט אין תורה נ' "מיין מתיקין", אזוי זיס האט ער געדאווענט, אזוי זיס איז געווען זיין דאווענען, "מיין מתיקין"!**

**ער איז געווען פון ר' אברהם ר' נחמן'ס מענטשן, און די וואס זענען געווען פון זיינע מענטשן, די זענען געווען בסדר, האבן זיי געדאווענט!**

❖

**ער איז געווען א געוואלדיגער הצנע לכת, זיין הצנע לכת איז געווען געוואלדיג, עשרת ימי תשובה האט ער געגעסן נאר צוועלף אזייגער, אזוי פלעגט מען זיך פירן! געגעסן נאך א האלבן טאג, און זיין ביים רבי'ן אויפ'ן ציון!**

(השואל: אלע אונזערע לייט האבן זיך אזוי געפירט?) **יא, כמעט.**

**אוודאי, אפשר א איש חלוש איז נישטא וואס צו רעדן, א חלוש אין געזונט דארף ער דאך האבן כוחות אויף צו פאסטן יום כיפור, אבער אזוי האט מען געגעסן נאר צוועלף!** (השואל: און ביז חצות?) **פלעגט מען טוהן אין עבודת השם, עשרת ימי תשובה!**

(ר' נחמן בורשטיין: ר' נתן ברענגט עס אין לקוטי הלכות) **יא יא, אז נאר** (ביז) **צוועלף נישט מער!**[א]

❖

(השואל: עס שטייט אז ר' יצחק האט געפרעגט ר' נתן'ען, ער האט נישט קיין כח, צו זאל ער עסן ער זאל קענען האבן כח גיין אויפ'ן ציון?) **ניין, דאס איז געווען ערב ראש השנה, ער איז געווען שלאַף דעם זומער, האט ער געזאגט צום טאט'ן, ער וויל גיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון און ער איז שוואך, אז ער וועט עפעס עסן פריער וועט ער קענען זיין לענגער.**

**האט ער איהם געזאגט: "גיי צום רבי'ן אויפ'ן ציון, און דו וועסט זאגן ווי אזוי דו וועסט זאגן, און נאכדעם** (יטעום) - **שפעטער וועסטו גיין נאכאמאל"!**[ב]

(השואל: ס'איז געווען א ענין צו גיין אליבא ריקנא הייסט עס?) **יא, ערב ראש השנה, אוודאי!**

❖

(השואל: מען זאגט פונעם בעל שם: "כלאפטשענען דעם דאווענען"?) **יא, "כלאפטשענען דעם דאווענען ווי איידער כלאפטשענען די טיי"!** (לשתות תה לפני התפלה).[ג]

---

[א] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש השנה ב' אות ח', ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ל"ד.

[ב] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ל"ג.

[ג] עי' שיש"ק ח"ב אות נ"ז.

"כלאפטשענען" הייסט אָן טעם און ריח! "כלאפטשענען דעם דאווענען ווי איידער כלאפטשענען די טיי"! (השואל: פאר אלע טאג האט ער דאס געזאגט?) אויף אלע טאג![ד]

"כלאפטשענען" איז א אוקריייניש ווארט "כלאפטשעט" איינער טרינקט אסאך, ער האלט אין איין טרינקען.

❖ ❖ ❖

## "אזמר בשבחין" מיט'ן רבי'נס נגינה...

אז מען קומט זיך צונויף און מען רעדט פונעם רבי'ן, דארף מען זיך טאקע געזעגענען מיט א גוטע זאך! וואס זאל מען טוהן? מיר דארפן נישט קיין נייעסן, מיר דארפן דעם אייגענעם ליקוטי מוהר"ן, דעם אייגענעם ליקוטי תפילות, דעם אייגענעם ליקוטי הלכות! די אייגענע תפילין, די אייגענע ציצית, און די אייגענע - נאר באנייען זיך! באנייען זיך, דאס איז די גאנצע חשיבות ביים אויבערשטן!

דער רבי זאגט אין תורה י"ז,[ה] "דער אויבערשטער בארימט זיך דערמיט"! דער עיקר "התפארות למעלה" איז נאר אז מען באנייעט זיך אונטן, האט דער אויבערשטער א געוואלדיגע התפארות, בארימט זיך דער אויבערשטער מיט דעם מענטשן וואס באנייעט זיך!

מען זעהט דאך געוואלד געשריגן, א מענטש - ער עסט אפ אכציג יאר, ניינציג יאר - ער פאסט איין טאג "יום כיפור", ס'קומט אויף דער נאכט, גלייך ווי ער וואלט נאך אין זיין לעבן נישט געגעסן! מיט אזא מין חשק עסט ער, ווי ער וואלט נאך אין זיין לעבן נישט געגעסן!

אז ער איז אויף דארטן די נאכט פון שבועות, ער שלאפט נישט - קען ער זיך גארנישט אויסשלאפן זיך (להשלים שינתו)... גלייך ווי ער וואלט נאך אין זיין לעבן נישט געשלאפן!

[ד] עי' שיחות הר"ן אות רע"ז.

[ה] אות א'.

זעהען מיר דאך אז די גשמיות'דיגע זאך איז אזוי ניי ביים מענטשן, ווען די זאך איז נישטא, ווערט עס אזוי פריש, אזוי ניי, ווי ער וואלט עס קיינמאל נישט געהאט! נו, אזוי דארף זיין, דאס אידישקייט דארף אויסזעהן ניי!

דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן: "געוואלד! רבונו של עולם, איך דאווען דאך די אייגענע שמונה עשרה, די אייגענע זאכענעס, פארוואס זאל עס נישט זיין ביי מיר ניי"?!

דערווייל רעדט מען דאך צום אויבערשטן, מען רעדט דאך צום אויבערשטן, מען רעדט צום אויבערשטן! ווען מ'רעדט צו וועמען מען זאל נאר רעדן, דארף מען זיך זייער היטן מען זאל מיר נאר צולאזן, רעדן דארטן צו א מלך, א שר, וועל איך זיך צוגרייטן פריער - וואס זאל איך רעדן?! וואס זאל איך איהם בעטן?!

געוואלד, מען רעדט דאך פארט צום אויבערשטן! מען רעדט דאך צום אויבערשטן אזעלכע תפילות! פארוואס זאל עס נישט זיין מיט א התחדשות? דאס פעלט! דאס דארף מען ביי אונז רעדן! דאס איז געווען דעם רבי'נס זאך, נאר התחדשות! און דאס האט השם יתברך ליב, און דאס מאכט דעם מענטש וואקסן אין אידישקייט, ממש ער וואקסט מדרגה לדרגה, וואס ער באנייעט זיך!

האבן דען די צדיקים געהאט אנדערע תפילין? אנדערע ציצית? אנדערע תפילות? א אנדער קריאת שמע? נאר ביי זיי איז דאס געווען ניי! דאס פעלט ביי אונז!

❖

אונזערע לייט פלעגן זינגען דעם "אשת חיל", איך האב געהאט ברוך השם אורחים צדיקים! אה, אה, אזוי געגאסן זיך די טרערן, אזוי געגאסן זיך!

און "אזמר בשבחין" - ר' זלמן (הרב ממעדוועדיווקע) האט טאקע אזוי געזאגט: **"דער רבי האט געזאגט, וואס מיר פארמאגן - 'אקדמות' מיטן ניגון! און מיר זאגן, וואס מיר פארמאגן - 'אזמר בשבחין', דעם אר"י הקדוש'ס ווערטער - מיט דעם רבי'נס נגינה"!**[ו]

(השואל: ער האט קיין קינדער נישט געהאט?) ניין ער האט נישט געהאט קיין קינדער!

[ו] עי' שיש"ק ח"ג אות ת"ט, (ועי' שיחות הר"ן אות רנ"ו).

❖

# 'כמו חלב ודשן תשבע נפשי'

על כל פנים, כאטש בעטן דעם אויבערשטן אויף די זאך: וואו נעמט מען התחדשות"?! כאטש וויסן אז דאס איז דער עיקר חשיבות ביי השם יתברך, וואס מער איך באניי זיך אין דער זאך!

דוד המלך זאגט:[ז] "כמו חלב ודשן תשבע נפשי ושפתי רננות יהלל פי", "כמו חלב ודשן", א גוטער געשמאקער עסן - אפילו ער פאסט נישט - א פרישטאג פריש, און א קאלטן טרונק וואסער, ס'איז פריש, אה!

און דאס איז די גאנצע זאך, שטעלט מען זיך דאווענען - זאל מען וועלן, בעטן דעם אויבערשטן: "איך וויל זיך באנייען - זיך צוהערן וואס איך רעד"! "און דעם רבי'נס עצות מקיים זיין איבער א נייעס (מְחֻדָּשׁ)"! - דאס איז אינגאנצן די חשיבות אונזערס!

אפילו מען איז געפארן צום רבי'ן אליין איז אויך געווען דער חילוק! וואס איינער איז געווען מערער, ער האט געהאט מער התחדשות[ח] - דער וואס דער רבי האט איהם משבח געווען, ער איז געגאנגען צופוס צום רבי'ן פרעגן אן עצה אויף דאווענען,[ט] וואס איז? ער האט נישט געדאווענט?! פילן עפעס א נייע התחדשות אין דאווענען האט ער נישט געפילט! איז ער געקומען צום רבי'ן, שוין!

❖

[ז] תהלים ס"ג ו'.

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ב בסופו: ... עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ, וְלָבוֹא לְהַצַּדִּיק מֵחָדָשׁ, בְּכֹחַ הַהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהִתְגַּבְּרוּת חָדָשׁ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּדֵי שֶׁתִּהְיֶה עֲבוֹדָתוֹ כָּרָאוּי כְּפִי כֹּחַ הַהַתְחָלָה כַּנַּ"ל. וְכֵן בְּכָל פַּעַם וּפַעַם צָרִיךְ לַחֲשֹׁשׁ חֲשָׁשָׁא זוֹ, פֶּן לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כָּרָאוּי, וְצָרִיךְ לְהַתְחִיל וְלָבוֹא לְהַצַּדִּיק בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ.

[ט] עי' חיי מוהר"ן אות שכ"ט: וּפַעַם אַחַת עָמַדְתִּי לְפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעֵת שֶׁבָּא אֵלָיו רַגְלִי הָאִישׁ הַנַּ"ל מִטִּירָאוִויצֶע, וְסִפֵּר לִי הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁבְּעֵת שֶׁצַּר לְזֶה הָאִישׁ הַנַּ"ל בַּעֲבוֹדַת ה', הוּא הוֹלֵךְ בְּרַגְלָיו מִשָּׁם לְכָאן, וְהֵבַנְתִּי שֶׁהוּטַב זֹאת בְּעֵינָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְאֹד.

# 'מה עשה האיש הזה'?!

**דער רבי אין תורה ד' טייטשט אויס דארט דעם רבה בר בר חנא,[י] "אכלה טינא באוסיה", איז ער נתעורר געווארן דערפון, א "שרץ קטן" האט זיך איהם אריינגעזעצט בנחיריו, אינמיטן די תפילה, דערפון איז ער געווארן נתעורר, ער האט אנגעהויבן זיך נוצן מיט די דאזיגע דריי: "התקשרות", מיט "צדקה", מיט "וידוי דברים"!**

**א "שרץ קטן בנחיריו" האט איהם מבלבל געווען די תפילה, א "שרץ קטן", איז דער פשט: ס'איז נאכנישט קיין אזא מין גרויסער בלבול, נאר א "שרץ קטן", "מה עשה האיש הזה"? וואס האט דער מענטש געטוהן? באנוצט מיט די דריי זאכן, התקשרות, וידוי דברים, צדקה!**

(השואל: פארוואס גייט דאס פארקערט דער סדר? - שם בסוף התורה, לא כמו שכתוב בפנים התורה. אחד הנוכחים עונה: אז דער רבי וויל ווייזן אז וואו מען הייבט אן איז גוט), **יא יא, אוודאי אזוי, אמאל איז נישט שייך זאגן - אמאל דארף איך אנהויבן ביי "וידוי דברים"!**

**די אלע עצות פונעם צדיק איז אזוי - דארטן די דריי נקודות אין תורה ל"ד, אמאל הייבט דער רבי אן ביי התבודדות, און אמאל הייבט דער רבי אן ביי די נקודה פונעם צדיק! צו ווייזן, אז ביי וואס מען האלט זאל מען אנהייבן! ביי וואס מען האלט![יא]**

❖

[י] שם בסוף התו': וְזֶה פֵּרוּשׁ אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, זִימְנָא חֲדָא הֲוָה קָאַזְלִינָן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזֵינָן הַהוּא כַּוְרָא דְּיַתְבָא לֵיהּ אָכְלָה טִינָא בְּאוּסְיֵהּ וכו', (רַשְׁבַּ"ם: כַּוְרָא - דָּג. אָכְלָא טִינָא - שֶׁרֶץ קָטָן. בְּאוּסְיֵהּ - בִּנְחִירָיו שֶׁל דָּג נִכְנַס הַשֶּׁרֶץ) וכו', פֵּרוּשׁ וכו', דְּיַתְבֵי לֵיהּ אָכְלָא טִינָא בִּנְחִירָיו - זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ". שֶׁנִּתְעָרֵב שֶׁרֶץ, הַיְנוּ טֻמְאָה בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ וּבִלְבֵּל אוֹתוֹ, וְלֹא הָיָה יָכוֹל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזֶּה לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה. מֶה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה? עָשָׂה שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, הַיְנוּ הִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק וּנְתִינַת הַצְּדָקָה וּוִדּוּי דְּבָרִים וכו'.

[יא] ע' ליקוטי הלכות הל' חלוקת השותפין ה' אות י"א: ... וְזֶהוּ עִקַּר הַדְּבָרִים, שֶׁאֵין יוֹדְעִין בָּהֶם מֵהֵיכָן הַהַתְחָלָה, וְכַמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ בְּמָקוֹם אַחֵר, וְעַל כֵּן צָרִיךְ חָכְמָה גְּדוֹלָה לָזֶה, וּלְדַלֵּג מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, פַּעַם בְּחִינַת עֲבוֹדָה זֹאת, וּפַעַם בְּחִינַת עֲבוֹדָה זֹאת, וּכְמוֹ שֶׁתִּרְאֶה בְּעִנְיַן עֲבוֹדַת הַקָּרְבָּנוֹת אִם תְּדַקְדֵּק בָּהֶם, וְכַמְבֹאָר בְּסֵדֶר הַמַּעֲרָכָה שֶׁסִּדֵּר אַבַּיֵּי מִשְּׁמָא דִּגְמָרָא וְכוּ' ...

"מה עשה האיש הזה"? וואס האט ער געטוהן דער מענטש? ווען מיינט דער רבי דא "האיש הזה"? "וואס" האט דער מענטש געטוהן, אז ס'האט איהם מבלבל געווען א "שרץ קטן בתפילתו"!

אונז - אז מען קען נישט דאווענען וואס טוהען מיר? וואס טוהען מיר אז מען קען נישט דאווענען?! לייגט מען זיך שלאפן אויף די אנדערע זייט', מ'שלאפט זיך אויס גוט, און שוין!... וואס טוהען מיר אז מיר קענען נישט דאווענען? ס'איז מיר כאטש מבלבל אז איך קען נישט דאווענען?!

**"ולא היה יכול איש הישראלי הזה לעבוד עבודתו תמה - מה עשה האיש הזה"**[יב] - זאגט דער רבי, אוי דער לשון איז א געוואלדיגער לשון, "וואס האט דער מענטש געטוהן"?!

מען זעהט א מענטש האט עפעס א קלאפ אין א אבר, א קליינער אבר, לויפט ער שוין עפעס טוהן, קופת חולים - עפעס, "וואס האט דער מענטש געטוהן אז ער האט נישט געקענט דאווענען"? אוועקגעגאנגען מיט די פיס צום רבי'ן, און געפרעגט א עצה אויפ'ן דאווענען, און געגאנגען קריק צופוס! דאס האט ער געטוהן דער מענטש! (עי' לעיל).

א מוסר השכל דער לשון, אונזערע לייט פלעגן זייער מדייק זיין דעם לשון וואס דער רבי זאגט דא, ביים אויסטייטש דערמאנט דער רבי דאס לשון.

❖

# 'וקדושים בכל יום יהללוך סלה'

פלעגט זאגן ר' אלחנן (ספעקטאר ז"ל), ער האט געזאגט אז אין זוהר שטייט עס,[יג] מיר זאגן ביים דאווענען: "וקדושים בכל יום יהללוך סלה", וואס איז דער לשון 'סלה'? סלה איז "אייביג", די קדושים זיי לויבן דעם אויבערשטן תמיד, אייביג! ס'האקט נישט איבער קיין שום זאך! פארוואס? ווייל די קדושים האבן נישט קיין אנדער דביקות, זיי זענען נישט דבוק אין אנדערע תאוות! קדושים, זיי זענען נאר

[יב] שם בתו' ד'.

[יג] עי' שושן סודות אות צ"ז ברכת אתה קדוש, ועי' זוה"ק פרשת פקודי דף רס"א ע"ב.

דבוק אינעם אויבערשטן! איז זיי קענען לויבן דעם אויבערשטן "סלה", און ס'האקט נישט איבער די עבודה!

פארוואס איינעם האקט איבער די עבודה ביים דאווענען? ווייל ער האט אנדערע דביקות'ן, אז ער האט דביקות צו אנדערע זאכענישן, קען ער נישט לויבן דעם אויבערשטן "סלה"! ער גיבט א לויב און ס'האקט זיך שוין איבער, ווארום ס'פאלט אריין א אנדער דביקות!

אבער "קדושים", זיי זענען דאך דבוק אינעם אויבערשטן תמיד, דאס הייסט דאך "וקדושים" - זיי לויבן דיך - "בכל יום יהללוך סלה"! אין זוהר איז עס מבואר, האט ער געזאגט (ר' אלחנן).

ס'איז א כלל, דער מענטש - האט ער א אנדערע דביקות, בשעת ער איז דבוק אינעם אויבערשטן האקט דאס איבער, אז ס'האקט איבער דארף ער זיך ווייטער רייסן זיך - אבער ס'האקט איבער, אבער "סלה" מיט א קביעות - איז נאר קדושים!

❖

מיר דארפן זאגן אזוי: ממילא אז ס'האקט איבער, לאמיר כאטש נאכאמאל אנהייבן! אז ס'האקט איבער, נו איבערגעהאקט מילא, שוין, איך וועל גיין עסן א פרישטיג אין שטוב אויך... אז ס'איז איבערגעהאקט וואס איז?!...

נישט אזוי! ס'זאל מבלבל זיין אז ס'האקט איבער!!! א "שרץ קטן" זעצט זיך אריין, זאל עס מבלבל זיין: "געוואלד, א שרץ קטן האקט מיר איבער די תפילה"!

מ'דארף זיך אויסרעדן פאר השי"ת: "איך בין אזוי ווייט, אז די קלענסטע זאך איז מיר מבלבל, און תפילה וואס איז 'עומד ברומו של עולם' איז גארנישט מבלבל"!

די קלענסטע זאך האט דער מענטש שוין א בלבול, ממש א גארנישט, א נאגל, עפעס, א קוועטש, שוין, ס'טוט איהם שוין וויי, ער לויפט שוין נאך רפואות, – און "דברים העומדים ברומו של עולם", ער קען נישט דאווענען ווי מען דארף, פארוואס שווייגסטו?! טוה עפעס, טוה עפעס, "מה עשה האיש הזה"?!!!

אויבן[יד] זאגט דער רבי פשוט, אז די דריי עצות זענען קעגן "התקרבות", א משל זאגט דער רבי, א מענטש גייט אין א פינסטערניש, באפילה, אבער דער רבי טייטשט עס דא איין אויף "תפילה", אז ס'איז איהם מבלבל א "שרץ קטן" נוצט מען אוים די דריי עצות - קעגן תפילה!

❖

# "איינגעבאקן אין הארצן"

דאס זענען פון די מענטשן וואס זענען "איינגעבאקן אין הארצן"! דער רבי האט געזאגט ר' נתן'ען און ר' נפתלי'ן: **"איך וויל דו זאלסט זיין פון די וואס זענען איינגעבאקן אין הארצן"!**[טו]

אז דער רבי האט עס איבערגע'חזר'ט פאר ר' נתן'ען, האט דער רבי זייער א געוואלדיגע נחת רוח דערפון, דער מענטש, א איד אן ארימאן, גייט ער דורך צופוס צום רבי'ן, ער פרעגט א עצה אויף דאווענען, און גייט קריק! גייט דורך צופוס און צוריק!

דער עיקר איז דאך נאר - דער וואס ס'איז איהם מבלבל פארוואס ער קען נישט דאווענען, "עבודתו תמה", "מה עשה האיש הזה"?! דאס דארף מען גוט רעדן צו זיך אסאך!

❖ ❖ ❖

(חסר, כנראה שמדבר מזווגו השני של הרב מ'טשעהרין ז"ל וצאצאיו שנולדו לו ממנה) - ער האט געהאט קינדער, ער האט געהאט טעכטער אויך.

זי איז געווען עפעס אזוי א חשוב'ע פרוי, און זי האט זייער געהאלטן פונעם טשעהרינער רב, זי האט געזאגט געוואלדיגע גדולות'ן אויף איהם, גאר גדולות'ן האט זי געזאגט אויף איהם, אז זי פלעגט קומען קיין ברסלב, האט מען איר זייער מכבד געווען, זי זאל האבן א - (אכסניה טובה)!

---

[יד] שם בתו' ד' אות ח'.

[טו] עי' שיש"ק ח"ב אות ק"ב.

(השואל: פארוואס איז זי געקומען קיין ברסלב?) **זי האט געוואוסט אז דער טשעהרינער רב'ס פאטער און זיידע** (- ר' אהרן דער רב) **זענען אלע דאך דארטן** (ששם מנוחתם כבוד), פלעגט זי קומען אמאל קיין ברסלב.

**ער דערמאנט דארטן אין די צוואה וועגן איר, ער דערמאנט נישט קיין זיווג שני, אבער ער דערמאנט דאך יא וועגן איר.**

(ר' נחמן בורשטיין קורא מתוך לשון צוואת הרב מ'טשערין, הנדפס בס' כוכבי אור: "אשתי הראשונה מרת טשארנא בת הר' יצחק ז"ל, מצד אביה הוא ר' יצחק בן ר' אברהם מוויניצא הנקרא ר' אבריימל וכו', אשתי השניה מרת פיגא תחיה, מצד אביה הוא רבי יואל לאדיזשונסקע מקרימענטשאק" וכו'.)

(ר' נחמן שואל: למשל ר' חיים איז געווען פון זיווג ראשון?) **יא פון זיווג ראשון,** (און ר' ישראל?) **אויך פון זיווג ראשון, נאר זיי זאגן אז ער האט געהאט פון זיווג שני אויך קינדער, אזוי האב איך געהערט.**

❖ ❖ ❖

# 'והארץ אזכור'

**זאגט דער רבי:**[טז] **"ועל ידי מה יכולין להמשיך את קדושת ארץ ישראל – על ידי התנוצצות אור זכות אבות, כמאמר הזהר, 'באתר דאית תמן אבות, אית תמן שכינתא', די "שכינה הקדושה" דאס איז ארץ ישראל!**

**אמאל פלעגט מען זאגן צוויי מאל "והארץ אזכור"!** (בשעת חזרת הש"ץ בתפלת המוספין בראש השנה בסדר זכרונות).

**אז עס שטייט שוין דא אין לקוטי מוהר"ן אפגעדרוקט, דארף עס טאקע זיין אזוי! "דארף מען טאקע זיך אוועקלייגן אויף די ענין ארץ ישראל"!**

**מען איז דאך דא אין ארץ ישראל, איז אזוי ווי מען רעדט אמאל די עצות פונעם רבי'ן,** (דארף מען אויך געדענקען) **"ארץ ישראל"! ארץ ישראל איז א געוואלדיגער יסוד פון אידישקייט, אפילו פאר די אידן וואס וואוינען נישט אין ארץ ישראל!** (צריכים עכ"פ להתגעגע לזה, עי' ליקו"מ תו' קנ"ה).

---

[טז] בליקוטי מוהר"ן תו' נ"ה אמצע אות ב', עיי"ש.

פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגן - אז ס'איז אנגעקומען א בריוועלע פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ, און מיט אזא מין קדושה האט מען געהאלטן דאס בריוועלע, אזויפיל הייליג, **"וואו זאל מען דאס בריוועלע אריינלייגן? וואו זאל מען דאס האלטן? נו מען וועט דאס האלטן אין** (בייטל פון) **טלית ותפילין"!**

[ר' נחמן בורשטיין ז"ל מספר: אין אנטווערפען איז דא א רבי ר' איציקל, (רלוי"צ: יא א בעל מכנים אורח), בין איך געווען ביי איהם אין שטוב, געזעצן צוזאמען גערעדט, געמאכט, ליגט א גרויסע שאפע פול מיט בריוו, פרעגט ער מיר: "ווען וועט ער אמאל אנקוקן"?! ער האט עס נישט קיין צייט צו ליינען, צענדליגער טויזנטער בריוון, מען שרייבט פון ארץ ישראל, יעדער איינער, דער - יענער, ליגט גאנצעטע פעק, זאג איך איהם: "ס'איז דאך א שאד דאס פלאץ"? זאגט ער: "א ארץ ישראל'דיגע בריוו זאל איך אוועקווארפן"?! נאר ער האט עס נישט קיין צייט צו ליינען, דעמאלט איז ער געווען פיר און אכציג יאר, "ס'איז אויך דא 'ספרים' - זאגט ער - וואס איך בין נאכנישט דורכגעגאנגען"!... "אמאל - זאגט ער - ער נעמט ארויס איין בריוו, ס'איז בהשגחה, און ער ענטפערט דעם בריוו אמאל"!

(אחד הנוכחים: ער האט דעם רבי'נס ספרים, ער לערנט דעם רבי'נס ספרים), (רלוי"צ: א מכנים אורח אזא), א גרויסער מכנים אורח!

אזוי ווי איך בין אריינגעקומען, זאגט ער: "ר' איד, רעדט גארנישט, איר קומט דאך פון ארץ ישראל" – איך בין טאקע אנגעקומען גלייך אהין, זאגט ער מיר שוין – "איר דארפט דאך עפעס עסן"! גלייך געגעבן, געהייסן זיך וואשן, זאגט ער: "איך וועל אויך מיט עסן"! און זאגט: "איך וועל אייך געבן א ארץ ישראל'דיגן מאכל"! ער האט געהייסן געבן טאמאטעס מיט אוגערקעס, ער ווייסט אז אין ארץ ישראל עסט מען גרינס, נאכדעם האט ער געגעבן א טעלער מיט לאקשן מיט מילך, איך האב מיר טאקע מחי' געווען, איך בין געווען הונגעריג, ער האט מיר שטארק מקרב געווען.

ער איז יעדן איינעם מקרב, מען קען זיצן ביי איהם אין שול וויפיל מען וויל, ס'איז דא א מקוה, מיט עסן און טרינקען און צו שלאפן, אלסדינג].

❖

(חסר קצת ההמשך) - **אויך א מוסר השכל, אנדערע דיבורים וואס מ'רעדט עפעס, ביז מען רעדט - ס'טוהט זיך! דא - ברוך השם - די זאך איז גרייט און ס'איז דא, און אלעם איז דא, נעמט! נעם און נוץ! טוה עפעס דערמיט! אלעם איז דא גרייט!**[יז]

**רבי יוחנן האט געזאגט אזוי: "די טיש איז געגרייט, אלעם, און מען האט נישט וואס צו עסן"!**[יח]

❖ ❖ ❖

(השואל: דאס וואס דער רבי זאגט אז ס'איז א ענין צו מאכן א נדר און מקיים זיין "מיד", פלעגט מען מאכן א נדר איידער מען האט געלייגט א פרוטה לצדקה?)[יט] **דער ענין פון נדרים, אוודאי, נדרים טוהט גרויסע זאכן, אבער מען דארף זיין זייער פארזיכטיג, מען דארף האלטן ביי דעם!**

(ר' נחמן בורשטיין: "דאס מיינט מען אזעלכע שלימזלניקעם ווי איר"! - האט דער רבי געזאגט),[כ] **יא יא, נו דער רבי האט אזוי געזאגט, און נאך צו וועמען האט דער רבי געזאגט, צו וועמען?!...** (ר' נחמן בורשטיין: צו ר' נתנ'ען! דער רבי האט איהם געזאגט "והייתי רגיל בנדרים", האט איהם ר' נתן געפרעגט עס שטייט דאך - שאין נכון לנדור? האט דער רבי געענפערט: "דאס מיינט מען אזעלכע שלימזל'ניקעם ווי איר"! און נאכדעם האט רבי נתן געזאגט צו זיינע מענטשן - עי' מכתב ההסתלקות - "איר זענט אנשים כשרים - **אלא שאתם שלימזל'ניקעם**"!)

❖ ❖ ❖

(ר' נחמן בורשטיין: ביי אונזערע לייט האט מען זיך געפירט צו זאגן די תפלה וואס שטייט פון בארדיטשוב'ער רב לסגולה למוצאי שבת?) **"גאט פון אברהם"? מען פלעגט עס קענען אמאל אויסעוויניג, יא יעדער איינער האט עס געזאגט, מען האט שוין פארגעסן, אלע פלעגן עס זאגן, אבער מען האט שוין פארגעסן, איך האב עס געקענט אמאל אויסעוויניג, דו קענסט עס יא?** (ר' נחמן: איך האב עס קיינמאל נישט אנגעהויבן צו זאגן, אבער

---

[יז] עי' ליקוטי הלכות, הל' תחומין ה' אות כ"א: וְזֶהוּ הַחִלּוּק גַּם עַכְשָׁיו בֵּין הַצַּדִּיקִים, שֶׁיֵּשׁ צַדִּיקִים שֶׁכָּל סִפְרֵיהֶם וְדִבְרֵיהֶם הֵם רַק הִתְעוֹרְרוּת וְכוּ', וְאַף עַל פִּי שֶׁזֶּה טוֹב מְאֹד, אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן אֵין מְקַבְּלִין מִשָּׁם עֵצָה, אֲבָל עִקַּר הוּא הַצַּדִּיקִים שֶׁזּוֹכִין לְקַבֵּל מִתּוֹרָתָם וְסִפְרֵיהֶם עֵצוֹת...

[יח] עפ"י גמ' קידושין דף מ"ו ע"א "הרי שולחן והרי בשר והרי סכין ואין לנו לאכול".

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תנ' נ"ז אות ב'.

[כ] עי' אבניה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות ט"ו.

מיין טאטע - ר' משה בורשטיין ז"ל - זאגט עס שטענדיג, אזוי ווי ער קומט אריין גלייך אין שטוב אריין גלייך זאגט ער).

(ר' נחמן: ס'איז דא אפגעדרוקט, בקשה למוצאי שבת, אויף לשה"ק און אויף אידיש, אבער אויף לשה"ק גייט עס נישט אזוי, ס'קלאפט נישט) **אוודאי נאר אויף אידיש!**

(השואל: מ'פלעגט זאגן דעם "רבון העולמים, החל עלינו את ששת ימי המעשה"?) **יא, אוודאי!**

❖ ❖ ❖

(השואל: ווער האט געמאכט די תפילה, "רבונו של עולם עילת העלות וסיבת כל הסיבות" וואס ס'שטייט צום סוף תיקון הכללי, ס'איז פון ר' נתן'ען אדער פון רבי'ן?) **מען האט עס געפונען באמתחת הכתבים, ווייזן ווייזט אויס פון רבי'ן!**

(ר' נחמן בורשטיין: אין ליקוטי תפילות אינעם ערשטן שטייט עס אנהויב, איך האב עס, שטייט עס פאר די תפילות, די ערשטע זאך), **איך האב געהערט פון ר' אלטר טעפליקער אז דאס איז פון רבי'ן!** (אחד הנוכחים: אז עס שטייט פאר די תפילות איז אויך א שטיקל סימן אז ס'איז פון רבי'ן).

(ר' נחמן בורשטיין: איך האב געקלערט אויך וועגן דעם, ווייל ר' נתן הייבט נישט אן קיין איין זאך אן דעם רבי'ן! ביי די תפילה פון פדיון - תפילה קכ"ג - פארוואס די תפילה פון פדיון שטייט נישט דער 'שם', אין אלע תפילות שטייט "יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו", און ביי די תפילה פון ר' נתן'ען שטייט נישט ה' אלוקינו? עס שטייט נאר: "יהי רצון מלפניך שימתקו הדינין" וכו' - ר' אלחנן'ס א כאפ - אז רבי נתן האט אנגעהויבן מיט די תפילה פון רבי'נס פדיון, און נאכדעם האט ער צוגעגעבן זיינס, ס'איז א געוואלדיגער איינפאל דאס, ס'איז אות באות ממש).

❖ ❖ ❖

## "אלט טאר מען ניט זיין"!

ביי אונז פעלט נאר איין זאך, דאס פעלט ביי אונז, "התחדשות"! באנייען זיך אינעם רבי'נס זאך! יעדער איינער איז היינט פול מיט שיחות, און די אלטע אידן אמאל האבן זיך אויסגעלעבט זייערע יארן, זיי האבן אזוי פיל שיחות נישט געוואוסט! אזעלכע שיחות רעדן היינט קינדער פון פאר בר מצוה, אזעלכע שיחות וואס אלטע זקנים - וואס זענען געווען צדיקים - זענען אוועקגעגאנגען און האבן די שיחות נישט געוואוסט! און היינט ווייסט מען!

נאר וואס דען? די התחדשות פעלט! התחדשות אין אידישקייט - דאס פעלט היינט, התחדשות אין תורה אין תפילה, אינעם רבי'נס דיבורים, דאס פעלט אונז! און אז דאס פעלט אונז - פעלט אונז אסאך!

נו, דעם רבי'נס זאך איז נאר געווען התחדשות, באנייען זיך, דער דאווענען - א קליינינגקייט? א דאווענען, מען דאווענט אלע טאג די אייגענע שמונה עשרה, דריי מאל אין טאג, די אייגענע ברכות, און אז מען באנייעט זיך האט עס א אנדערע חשיבות - געוואלדיג גרויס, אז איך טוה אלעמאל די אייגענע זאכן מוז איך דאך האבן התחדשות!

❖

מען פלעגט זאגן ביי אונז: "**מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה - אל תקרי מה אלא מאה**"[כא] "דער אויבערשטער וויל פון אונז מיר זאלן אפהיטן די מאה ברכות", די "מאה ברכות" זאלן מיר אפהיטן בכוונה, מיט א התחדשות, דאס וויל דער אויבערשטער פון אונז!

און די זאך, אז מיר האבן די זאכן איז מען א גאנצער מענטש, ס'איז אינו דומה, א זאך וואס מען זאגט עס אלע טאג דארף מען דאך אוודאי בעטן דעם אויבערשטן ס'זאל זיין מיט א התחדשות, מאכן א ברכה מיט התחדשות, ס'איז א געוואלד, דעמאלטס וואלט געשמעקט דעם רבי'נס זאך, וואלט יעדער דיבור געשמעקט!

התחדשות! דער רבי האט פיינט געהאט אלט, אן אלטן חסיד, אן אלטן למדן, דער רבי האט פיינט געהאט אלט![כב]

❖

רבי נתן האט געזאגט אמאל, דער חילוק פון זיין שווער - זיין שווער איז דאך אזוי גרויס געווען - האט ער געזאגט: "**אזוי ווי א קניזש, נאר אז ס'איז פריש האט**

---

[כא] עי' מס' מנחות דף מ"ג ע"ב.

[כב] עי' עי' שיחות הר"ן אות נ"א; גַּם אֵין טוֹב לִהְיוֹת זָקֵן, הֵן חָסִיד זָקֵן, וְהֵן צַדִּיק זָקֵן, זָקֵן אֵין טוֹב, כִּי צָרִיךְ רַק לְהִתְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל בְּכָל עֵת מֵחָדָשׁ. ובעלים לתרופה מכתב שע"ג; וְהָעִקָּר שֶׁתִּזָּהֲרוּ לְקַיֵּם מַה שֶּׁהִזְהִיר מְאֹד שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת זָקֵן, וְהֵרִים קוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְקָרָא בְּקוֹל גָּדוֹל וְאָמַר "אַלְט טָאר מֶען נִיט זַיְין" וְכוּ', כַּנִּדְפַּס מִזֶּה קְצָת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן נ"א).

**עס א אנדער געשמאקייט"**,[כג] **די אייגענע מינים וואס זענען דא, אז עס איז קאלט, די אייגענע מינים, ס'פעהלט נישט גארנישט, נאר וואס דען? אז דאס איז פריש!** (-דעמאלטס איז עס געשמאק), **דאס איז דער חילוק פון חסידים ביז מתנגדים!**

(השואל: נישט אויף א גלאז טיי איז געווען די משל?) **ניין, ער האט אנגעכאפט א "קניזש", אין אוקריינא הייסט עס א "קניזש", א מין געפילטע זאך, דאס איז א מין שטרודל, געפילט דארט מיט האניג, צוקער, מיט פעטקייט, אסאך זאכן, אז עס איז פריש שמעקט עס, און אז נישט איז** (האט עס נישט די געשמאק)**! - דאס איז דער חילוק פון זיי, ביי די חסידים איז עס פריש!**

**נו, דעמאלט האט ר' נתן אזוי געזאגט, אבער היינט - ביי די חסידים זאל עס זיין פריש!...**

❖

# 'לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה'

- - - אט דאס דארפן מיר טיילן, די זאך דארפן מיר טיילן, אזא מין תבלין דארפן מיר טיילן, אז מיר זאלן זיך באנייען אינעם רבי'נס זאך, סיי אין "לימוד" סיי אין "קיום", אין אלעס! דעמאלט וועט עס אונז שמעקן!

דאס דארף מען! מיר זענען פול מיט'ן רבי'נס זאך, שיחות מיט שיחות, פול - נאר אלט! אלט! אלט טאר מען נישט זיין!

אוי, די אמאליגע חסידים ווען זיי וואלטן געוואוסט אזוי פיל שיחות, איך ווייס נישט וואס זיי וואלטן געטוהן, אזוי פיל שיחות וויפיל מען ווייסט היינט, און מען וויל נאך, מען וויל נאך! איי איי.

דער רבי האט געזאגט דארט,[כד] אז די וועלט מיינט אז ס'גייט א שכחה, מען האט שוין אסאך ספרים אפגעדרוקט, געדרוקט אסאך ספרים, מען דרוקט און מען דרוקט ס'זאל נישט זיין (קיין שכחה), אבער אז מען וועט נישט לערנען וועט זיין א שכחה!

---

[כג] עי' אבניה ברזל אות א'.

[כד] עי' שיחות הר"ן אות י"ח.

שיחות, שיחות, שיחות, נו אנגעפילט מיט שיחות, אז מען וועט זיך נישט באנייען אינעם רבי'נס זאך - וואס? אלט אלט!

❖

דער רבי האט א זאג געגעבן אויף ר' יצחק לייב'ן:[כה] "איך וואלט געוועזן מיט **איהם איבעררעדן האלב וואס איך רעד איבער מיט אייך, וואלט ער פארברענט זיך! ער וואלט פארברענט די וועלט"!**

דאס איז דער עיקר חשיבות! (- ההתחדשות), און בכלל דעם גאנצן רבי'נס זאך הענגט אן אין די זאך, אז דאס פעלט, פעלט אינגאנצן, פעלט אינגאנצן - פעלט!

❖

- - - זיי פלעגן זאגן תהלים אסאך, די בערשאדער (חסידים), האט דער רבי געזאגט, "ער האט אריינגעבראכט א קאלט קאפיטל תהלים אין די וועלט"! נו - אויך גוט, א קאלט קאפיטל תהלים! אבער א ווארעם קאפיטל תהלים! - (בוודאי חשוב הרבה יותר!)[כו]

❖ ❖ ❖

# "מיין מענדאל"...

- - - (ר' נחמן בורשטיין: דער רבי האט געהאט א תלמיד "ר' מענדל פון כפר"?) "ר' מענדל מכפר", אין א דארף, אין א קרעטשמע! (ר' נחמן: און ער איז געווען א גרויסער דאווענער) אה אה! (ר' נחמן: ס'איז געווען א שריפה און די גוים האבן איהם אוועקגעטראגן -) **און ער האט גארנישט געפילט!**[כז]

**"דאס איז מיין מענדאל" - האט דער רבי געזאגט! "מענדאל" איז דאך "מענדל", אז איינער פארדינט זיך ביים קייסער עפעס, גיבט ער איהם א מענדאל,**

---

[כה] עי' חיי מוהר"ן אות שע"א, (ר' יצחק לייב מ'טעפליק תלמיד רביז"ל, עי' אודותיו בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ז).

[כו] עי' שיח שרפי קודש, ל' מוהרנ"ת ז"ל: "פון הרבה שלא בכוונה - **באפט זיך ארויס א מעט בכוונה"!**

[כז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ח.

ס'איז דא א גאלדענער מענדאל, א זילבערנער מענדאל, גיבט מען איהם א מענדאל אז ער האט עפעס א שטיקל ארבעט אפגעטוהן, "דאס איז מיין מענדאל"![כח]

אזעלכע מענטשן געווען ביים רבי'ן, א דארף מענטש אין א קרעטשמע, אה, געוואלד, געוואלד, געוואלד, אלעס - דער רבי האט אלץ משבח געווען - אלץ אין דעם ענין פון תפילה! וואס אין תפילה זענען זיי געווען געוואלדיג, מיט א דביקות צום אויבערשטן!

"מיין יהושע'לע האט געדאוועגט א שטיק מנחה"! ר' יהושע מ'זשירין, געדאוועגט א שטיק מנחה![כט]

(ר' נחמן בורשטיין: ר' נפתלי'ן האט דער רבי משבח געווען) **"ס'איז טאקע מיין נפתלי!"**

**'מען איז געלאפן דארטן - בעולם העליון - א יונגערמאן דאוועגט! האב איך אפגעדעקט דעם טלית, געזעהן ס'איז טאקע מיין נפתלי!** (ר' נחמן בורשטיין: ווי אזוי האט עס דער רבי געזונגען דעם ניגון?) **ס'איז טאקע מיין נפתלי??!**[ל]

❖

(חסר קצת) - - - פאר רבי נתן'ען האט מען דאס געזאגט, (בשם הרב מבארדיטשוב:) "אז ס'קומט צו כל נדרי, די פיש אין ים ציטערן פאר'ן אויבערשטן"! (הפטיר על זה מוהרנ"ת:) **"ווי אזוי דארף מען שוין ציטערן אז ס'ציטערט זיך נישט"?!!!**[לא]

❖

דער ענין פון התבודדות איז א געוואלדיגע זאך, זיך אויסרעדן פאר השם יתברך אלסדינג, און דער אויבערשטער האט דערפון א נחת רוח, "דערצייל מיר כאטש וואס דיר פעלט"![לב]

---

[כח] עי' שיש"ק ח"ב אות ר"ז.

[כט] עי' אבניה ברזל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות כ"ה.

[ל] עי' אבניה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת אות ס"ג.

[לא] עי' שיש"ק ח"ב אות תקנ"ח.

[לב] עי' ליקוטי הלכות תפלת המנחה ז' אות מ': וְעִקַּר חֲשִׁיבוּת הַתְּפִלָּה וְהַדִּבּוּרִים אֵצֶל ה' יִתְבָּרַךְ הֵם הַתְּפִלָּה וְהַדִּבּוּרִים שֶׁל הֶעָנִי וְהַדַּל, כְּמוֹ שֶׁהֶאֱרִיכוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל בָּזֶה הַרְבֵּה, כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ עַל פָּסוּק

אז עס גייט דיר אפ די זאך, ס'פעלט דיר, איז "איך האב נישט מיט דיר"?! ס'איז א גלייכע זאך?! איך ווייס וואס - איך וועל עסן קוגל און שוין?! ניין, מיר פעלט!!! "מה עשה האיש הזה",[לג] "איך קען נישט דאווענען"!

❖

# 'המאור הקטן'

דער רבי דערציילט דארטן פונעם "בן יחיד",[לד] ער האט נישט געפילט קיין טעם אין זיין עבודה, ער איז געזעצן, געדאווענט און געלערנט תמיד, און ער האט נישט געפילט קיין טעם אין זיין עבודה, נאר ער האט נישט געוואוסט פארוואס!

האט מען גערעדט דא נעכטן - וואס הייסט "ער האט נישט געוואוסט פארוואס"?! אז א אנדערער - "איך קען נישט דאווענען", ווייס איך פארוואס! איך ווייס פארוואס איך קען נישט דאווענען - אז מען האט אין זיך נארישקייטן קען מען נישט דאווענען!

"ער האט נישט געוואוסט פארוואס"! ער איז געווען ריין פון אלעס, אזא הייליגער מענטש, "פארוואס קען איך נישט דאווענען?! פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין דאווענען, אין לערנען"?!

דער לשון "ער האט נישט געוואוסט פארוואס", איז פשט - ער האט געזוכט און געזוכט און ער האט נישט געוואוסט פארוואס! אומעטום איז ער גאנץ, גאנץ אין אלע מידות, "פארוואס פיל איך נישט קיין טעם"? האבן זיי געזאגט "גיי צו דעם צדיק, ער וועט דיר זאגן"!

ווי עס קומט דארטן אויס, אז ער איז געווען דער "מאור הקטן", מאור הקטן איז דאך די לבנה, "מאור הגדול" איז די חמה, דער מאור הקטן - פאר זיך אליין האט

---

תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ, כַּמָּה וְכַמָּה יָקָר אֵצֶל ה' יִתְבָּרֵךְ תְּפִלַּת הֶעָנִי, אֲפִלּוּ הֶעָנִי הַמִּתְפַּלֵּל עַל צְרָכָיו הַגַּשְׁמִיִּים עַל חֶסְרוֹן פַּרְנָסָתוֹ, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כְּשֶׁהָאָדָם מַרְגִּישׁ עֲנִיּוּתוֹ וְשִׁפְלוּתוֹ בְּמַעֲשָׂיו שֶׁהוּא עָנִי וְדַל מִן הַדַּעַת... עיי"ש.

[לג] חוזר אדלעיל, על מה שהביא מליקוטי מוהר"ן תו' ד': ... וְלֹא הָיָה יָכוֹל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזֶּה לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה, מֶה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה...

[לד] ספר סיפורי מעשיות - מעשה ח'.

נישט קיין שום לעכטיגקייט, נאר די חמה שיינט אין איהם אריין! אה - "גיי צו איהם"! דו אליין ביסט טאקע א הייליגער מענטש, דו ביסט א לבנה, אבער די לבנה מוז דאך האבן א חמה, די לבנה איז "לית לה מגרמיה כלום", "גיי צו דעם צדיק, וועט ער דיר שוין זאגן פארוואס"! "ווען דאך שטיין אנטקעגן די זון, ווען שוין פילן א טעם"!

ווייזט דאך פון דאנעט אוים טאקע, אז יעדער איינער איז א בחינה פון די לבנה, א בחינה, דורך דעם צדיק - אז מען שטעלט זיך אנטקעגן דעם צדיק, שיינט אריין די חמה, און דעמאלט קען מען שוין פילן א טעם, קען מען שוין פילן עפעס!

❖

# 'חבל על דאבדין'

(אחד הנוכחים: די צוויי יונגעלייט - המבואר שם שסיפר לפני ב' אנשים מבני הנעורים, ונתנו לו עצה שיסע לאותו צדיק - זאגט מען אז דאס איז געווען ר' נתן און ר' נפתלי), ווער זאגט? מען זאגט! אה, מען זאגט, מען זאגט! ס'איז דא אסאך זאכן וואס מען איז זיך משער, מען זאגט! פריער - אמאל אז מען איז זיך משער, ווייסט ער אז ער האט זיך משער געווען, שפעטער זאגט ער אז דאס איז עס שוין! פריער איז עס געווען - זיך נאר משער געווען, א אייגענע סברה, נאך עטליכע מאל און דאס איז עס![לה]

(ר' נחמן בורשטיין: מען זאגט אז די מעשה איז טאקע געווען), דאס יא! דאס האב איך געהערט, די מעשה איז געווען טאקע ביים רבי'ן!

צוויי מענטשן פונעם רבי'נס מענטשן זענען געפארן צום רבי'ן, האבן זיי באגעגענט דעם רב וואס איז געפארן פונעם רבי'ן מיט פארוויינטע אויגן, דער רב - דער פאטער פונעם בן יחיד - דאס לעצטע מאל (כמבואר שם בהמעשה), און דער רב האט זיי דערציילט אינגאנצן די מעשה, וואס ביי איהם איז געווען, ביי זיין זוהן, שוין.

אז זיי זענען געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי דערציילט די "מעשה מרב ובן יחיד", דער רבי האט דערציילט די מעשה פון רב ובן יחיד, נאר די מעשה איז טאקע געווען בפועל ממש!

---

[לה] עי' חיי מוהר"ן אות תק"ן "שכשחוזרין על שקר שתי פעמים נעשה אמת".

(השואל: דער רב האט זיי דערציילט צו וועמען ער דארף פארן?) **דאס איז דאך געוועז שוין דערנאך! ער איז געקומען שוין** (פון רבי'ן)**, דער בן יחיד איז שוין נישט געווען!** (ר' נחמן בורשטיין: הסוחר אמר לו "דו מעגסט שוין פארן"!) **יא יא! ער מעג שוין פארן, און ער איז געווען ביים צדיק,** (און ער האט געשריגן:) **"חבל על דאבדין ולא משתכחין", געוויינט, און דערנאך איז ער אוועקגעפארן!**

(ר' נחמן בורשטיין: הייסט עס אז ער איז געווען ביים רבי'ן דער רב?) **יא, אוודאי איז ער געווען ביים רבי'ן!** (כמבואר שם בהמעשה בסוף)**, און ער איז געפארן קריק פונעם רבי'ן, האט ער באגעגענט צוויי אונזערע לייט וואס זענען געפארן צום רבי'ן,** (השואל: מ'ווייסט נישט ווער די צוויי אינגעלייט? ר' נתן און ר' נפתלי?!) **מען זאגט אזוי! אלץ סברות!**

**- און ער האט געוויינט פאר זיי, ער האט זיי דערציילט די מעשה וואס ביי איהם איז געווען, שפעטער האט דער רבי דערציילט די מעשה, אזוי ווי אלע מעשיות!**

(השואל: דאס איז אויכעט א מעשה פון שנים קדמוניות?) **יא יא, דאס איז צוויי זאכן, די מעשה איז געווען** (בפועל) **- און ס'איז א מעשה משנים קדמוניות אויך!**

❖

# 'שיחות חולין של תלמידי חכמים'

עס שטייט אין זוהר הקדוש,[לו] אז רבי אלעזר ב"ר שמעון מיט נאך תלמידים פון ר' שמעון בר יוחאי, זיי זענען געווען עפעס דארט ביי די "הרי אררט", דארטן איז דא פון דור המבול די ביינער, האבן זיי זיך זייער דערשראקן זיך, א פחד'יגער ארט דארטן, האט זיך אנגערופן ר' אלעזר: "אז דער טאטע זאל זיין, וואלטן מיר זיך נישט דערשראקן"! נו - "אבער מיר זענען דאך פארט אלע דא"! האט ער אנגעהויבן צו רעדן דארט.

האט ער געזאגט אזוי: "**כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל ללמד, לא ללמד על עצמו יצא, אלא ללמד על הכלל כלו יצא**", האט ער אזוי געזאגט: די אלע סיפורי התורה, וואס ס'שטייט אין די תורה עפעס א סיפור, זענען דאך געווען אינעם כלל פון אותיות התורה, זיי זענען ארויס פונעם כלל, ס'איז געווארן א סיפור,

[לו] עי' זוה"ק פרשת בהעלותך דף קמ"ט ע"א.

ללמד - ס'לערענט נישט אויף דעם סיפור אליין, נאר - ללמד על הכלל כלו יצא - אויפ'ן גאנצן כלל, אז דאס איז אויך אין כלל פון די אותיות התורה!

כאטש ער איז דאך ארויס א סיפור, ער איז דאך געווען אותיות התורה, און ער איז ארויס פון אותיות התורה און געווארן א סיפור, איז ער א "יצא מן הכלל", איז "לא ללמד על עצמו יצא" - אויפ'ן סיפור אליין.

ער זאגט טאקע דארטן, אז די וואס זיי זאגן אז די תורה איז נאר דער סיפור אליין - מער נישט, איז עס אזוי ווי "אחר שקיצץ בנטיעות"!

(והוא הדין בסיפורי מעשיות שסיפר רביז"ל משנים קדמוניות).

❖

פונעם אר"י הקדוש ווערט געברענגט,[לז] אז שבת אפילו ביים שלאפן - האט ער משיג געווען דעם סוד פון דעם אתון מיט בלעם'ען, וואס אפילו ער זאל אכציג יאר האלטן אין איין דערציילן, וועט מען נישט משיג זיין וואס ער האט איצטער משיג געווען!

ביים שלאף, שבת, דער אר"י הקדוש, "אכציג יאר לעבן, און דערציילן אלעס, וואס און ווען, וועט ער נישט מספיק זיין ארויסגעבן וואס ער האט איצטער משיג געווען אין דעם אתון מיט בלעם"!

און די תורה הקדושה (איז דא א מעשה פון) דעם אתון מיט בלעם'ען, שוין שוין (נראה לעיני האדם שאין בהם כל כך פנימיות)!

אזוי אויך יעדער דיבור פונעם צדיק איז געוואלדיג גרויס און געוואלדיג הויך![לח]

פאר אונז זאל כאטש בלייבן דאס ביסעלע, דאס ביסעלע כאטש! אז דער צדיק האט דאס דערציילט, זאלן מיר עפעס נעמען דערפון, מיר וועלן נישט משיג זיין די

---

[לז] עי' שבחי האר"י ז"ל.

[לח] עי' ליקוטי הלכות, מלמדים ד' אות י"ג: **וְאִם אָמְנָם לֹא אָתֵי אֱנָשׁ עַל יַבֶּשְׁתָּא דִּי יָכוּל פִּשְׁרָא דְּנָא לְהַחֲוָיָא, כִּי מְאֹד מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתָיו בְּסִפּוּרֵי הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר...** ועוד. ועי' בכוכבי אור - ששון ושמחה, חידושים אות י"ז: **וְהֵן אָמְנָם שֶׁהַלְוַאי שֶׁאָבִין וְאֵדַע עַל-כָּל-פָּנִים עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים שָׁנָה לְאַחַר הַתְּחִיָּה דִּבּוּר אֶחָד מִדְּבָרָיו הַנּוֹרָאִים כְּפִי שֶׁיָּדַע אוֹתוֹ אַדְמוּ"ר זַ"ל עוֹד בָּזֶה הָעוֹלָם...**

גרויסקייט דערפון קיינמאל נישט, אבער דאס כאטש עפעס האבן! ס'זאל כאטש אונז בלייבן עפעס!

❖

# 'טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו'

דאס איז פון די שש זכירות: מען זאל געדענקען אז מען איז געשטאנען אויפ'ן בארג חורב, מיר האבן מקבל געווען די תורה און געזאגט נעשה ונשמע, זאל מען געדענקען דאס, דאס איז פון די שש זכירות, און מען דארף אויך געדענקען - אז מען האט דערצערנט דעם אויבערשטען, "את אשר הקצפת", האסט געמאכט דעם עגל!

מען דארף אלעס געדענקען, און מען דארף געדענקען פון דעם רבי'נס זאך, דארף מען אויך גוט געדענקען: א רבי, מיט אזעלכע הייליגע ספרים, מיט אזעלכע עצות! און די וואס גייען מיט דעם - זענען "אנשים כשרים", און די וואס גייען נישט - זענען "שלימזל'ניקעס"! דארף מען דאס גוט געדענקען!

און אויף ווען ווארט מען? אויף ווען? אויף ווען ווארט מען?! טאמער מיינט מען אז ביי אכציג יאר וועט זיין בעסער, האבן זיי א טעות, פערציג יאר איז בעסער! ער רעדט זיך איין אז ביי אכציג יאר וועט ער שוין האבן אלעס, ער וועט שוין האבן חתונה געמאכט די אייניקלעך, די אור-אייניקלעך, דעמאלט וועסטו שוין - טאמער פארלאזט זיך אויף דעמאלט? דער "אכציגער" זאגט דיר "דו זאלסט זיך נישט פארלאזן אויף דעמאלט", ווארום דעמאלט איז גארנישט אזוי - -

דער "פערציגער" איז בעסער ווי דער "אכציגער", און דער "צוואנציגער" איז בעסער ווי דער "פערציגער"! "טוב לגבר כי ישא **עול** בנעוריו", דאס איז אלס בעסער, און לייג נישט אפ אויף שפעטער!

❖

נו, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, ברוך השם וואס מיר שטייען ביי א גרויסן קוואל, ביי דעם נחל הנובע, און ער קען אנטרינקען אונז אויך, אויך ווערן אנגעטרינקען, אז מען ווערט אנגעטרינקען קען מען שוין איבער א נייעס, אזוי ווי מען טרינקט אן א בוים, מען טרינקט איהם אהן, ער זאל נישט טרינקענען, פריש!

מיר זאלן זיין פון דעם מענטש - "מה עשה האיש הזה",[לט] און דעם "שרץ קטן" האבן מיר דאך, און ער איז מבלבל! (ר' נחמן בורשטיין: הלוואי וואלט עס נישט געווען מער ווי א שרץ קטן...). נאר וואס דען? נאר דעם "האיש הזה", זאלן מיר זיין "מה עשה האיש הזה"?! וואס האט ער געטוהן דער "איש הזה"?!

❖

# 'אם אבוא באהל ביתי'

(ר' נחמן בורשטיין שואל: ס'איז געווען עפעס א מעשה, ס'איז געשריבן, ס'איז נאך נישט געדרוקט, ס'איז פון ר' משה טשענסטחאווער'ס כתב יד, אז ר' אפרים ב"ר נפתלי איז געפארן מיט ר' נתן'ען, און ער האט געזאגט: "ווען וועט מען שוין קומען אהיים?", האט ר' נתן געזאגט, "איך טראכט שוין וועגן דעם אמת'ער היים"!)

איך ווייס א מעשה, ס'איז געווען - ר' נתן איז געפארן מיט איינעם, יענער איז געווען א "מילטשיק", ער האט געהאנדלט מיט מעל, איז געפארן פריער א פירל מעל, און זיי זענען געפארן דארטן, ס'האט אנגעהויבן גיין א רעגן, און דאס פירל מעל איז נישט געווען גוט איינגעדעקט, האט אנגעהויבן ווערן טייג פון די מעל, יענער איז דאך אן ארימאן געווען, אז ס'וועט ווערן דערפון (טייג) וואס וועט ער האבן?! האט ער שוין אלעמאל געזאגט: "אוי, ווי קומט מען שוין צו די קרעטשמע"?! מען וועט אנקומען צו די קרעטשמע וועט ער אראפווארפן פון די מעל און איינדעקן, האט ער געזאגט, "אוי, ווי קומט מען שוין צו די קרעטשמע"?! און אז ס'איז א רעגן גייען דאך די פערד אזוי לאנגזאם, זיי קענען נישט אזוי גיך גיין.

האט ר' נתן געזאגט: "דיין תכלית לאזט זיך איצטער אויס - ביי די קרעטשמע, מיין תכלית איז ווייטער און ווייטער און ווייטער"![מ] דאס איז אויך געדרוקט שוין? (הנוכחים: ניין, דאס איז א נייע זאך!).

(ר' נחמן בורשטיין: אה, דא אויבן שטייט עס, קורא בפנים - ר' נתן מיט ר' אפרים ר' נפתלי'ס זענען געפארן אמאל ווינטער, און די קעלט איז געווען זייער שטארק, און ר' אפרים האט געקרעכצט, ער האט

---

[לט] חוזר אדלעיל, על מה שהביא הלשון מליקוטי מוהר"ן תו' ד'.

[מ] ובמקום אחר השוה רלוי"צ לזה מש"כ בליקוטי מוהר"ן תו' י"ח אות א': דַּע, כִּי לְכָל דָּבָר יֵשׁ תַּכְלִית, וְלַתַּכְלִית יֵשׁ עוֹד תַּכְלִית אַחֵר, גָּבֹהַּ מֵעַל גָּבֹהַּ. לְמָשָׁל: תַּכְלִית בִּנְיַן הַבַּיִת - כְּדֵי שֶׁיְּהֵא לָאָדָם מָקוֹם לָנוּחַ, וְתַכְלִית הַמְּנוּחָה - כְּדֵי שֶׁיּוּכַל בַּכֹּחַ הַזֶּה לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם, וְתַכְלִית הָעֲבוֹדָה וְכוּ'.

געזאגט: "ווי אזוי קומט מען שוין אהיים"?! האט זיך ר' נתן אנגערופן: "און דאן אז דו וועסט שוין קומען אהיים וועסטו דאך האבן אנדערע דאגות, איך וויל שוין זוכה זיין צו קומען צו דעם אמת'ער היים"! דאס איז פון ר' משה טשענסחאווער'ס כתב יד.

ס'איז זייער שיינע זאכן דארטן, די מעשה וואס איר האט פריער געזאגט פון "ציטערן" - שאמר מוהרנ"ת ווי אזוי דארף מען שוין ציטערן וכו' - שרייבט ער דארטן אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט עס דערציילט ערב יום כיפור ביי די סעודת המפסקת, און אזוי ווי ר' אברהם ר' נחמן'ס האט עס געזאגט, איז געווארן א געוואלדיגע התעוררות, מען האט געבענטש, איז שוין דער בענטשן געווען א אנדער בענטשן!).

(השואל: מען פלעגט עסן מיט איהם צוזאמען, מיט ר' אברהם'ען, ביי די סעודה המפסקת?) **אסאך מאל יא, אסאך מאל נישט, אסאך מאל איז נישט געווען וואס צו עסן...**

❖

# 'סעודה שאינה מספקת לבעליה'...

ס'קומט ראש השנה דערמאן איך זיך, דעמאלט איז געווען דער ראש השנה פון תר"פ, דעמאלט האב איך אנגעהויבן דאווענען פאר'ן עמוד, און דעמאלט בין איך געווען שלאַף, א גאנצן זומער 'טיף' (טיפוס רח"ל), און איך בין געגאנגען ארומגעוויקלט די פים מיט שמאטעס. ס'איז געווען דעמאלט געוואלדיג, די באנדעס איז געווען, אוי, אוי ס'איז געווען, גע'הרג'עט.

נו, איך האב טאקע געדאווענט פארן עמוד, און יום כיפור, שלאַף געווען, איז געווען דארטן - יחיאל'ס טאטע "ר' שלמה זלמן", האט ער מיר געגעבן אלע טאג אביסל עסן, אביסל עסן, און ערב יום כיפור האט ער מיר אויך געגעבן אביסל עסן (שיהיה לו כח לשמש כשליח ציבור לתפלות יום כיפור).

און ר' אלחנן איז אויך געווען שלאַף אויף 'טיף', איז צוגעקומען ר' אלחנן צו מיר, ער זאגט מיך אז ער וויל ארייַנשטעקן דעם לעפל! האב איך איהם געזאגט "ס'איז א סעודה שאינה מספקת"!... [(חסר והושלמנו עפ"י המסופר בשיש"ק) ששררה אז עניות קשה, והיו שנות רעב, ותיכף אח"כ תפס רלו"י את עצמו להבין באיזה מצב שפל הם נמצאים, וביקש ממנו את סליחתו, ואחר זמן כשכבר עלו שניהם לא"י היה נוהג רלו"י מדי שנה שכשהגישו לו כוס תה ומזונות אחרי שהתפלל מוסף בראש השנה, היה מכבד כמו כן גם את רבי אלחנן בכוס תה ומזונות, עבור אותה שנה שכשגגה יצאה

מפיו. והיה אומר לו ר' אלחנן:] - "איר האט נאכנישט פארגעסן? איך האב שוין לאנג פארגעסן"!

אזוי איז דעמאלט געווען, אז "א לעפל" איז אויך געווען - (לא היתה מספקת).

אה, האט מען דעמאלט גערדאוונט! ווער האט גערדאוונט? נאר עפעס א כח פון אויבן! מען האט גערדאוונט! געגעבן כוחות! (אחד הנוכחים: און נאך א קרענק) נאך א קרענק? אינמיטן קרענק!!

❖

# 'הרופא לכל תחלואיכי'

(השואל: ווען איז געווען עפעס א ראש השנה אז דער גאנצער עולם איז געזונט געווארן?) יא יא, דאס איז געווען דער ראש השנה, מיר זענען אנגעקומען א טאג פאר ערב ראש השנה, מיר זענען אנגעקומען אין שול אריין, דער רעגן האט געגאסן אויפ'ן וועג, אריינגעקומען אין שול אריין אויסגעווייקט, די גאנצע שול איז געווען פול מיט "בעטן", פון צוויי בענק איז געווען א בעט... אלע זענען געלעגן אויף 'טיף', אלע אלע, ר' אלחנן, אלע, מיר זענען אריינגעקומען אזוי ווי מען קומט אריין אין א שפיטאל אריין! א טאג פאר ערב ראש השנה, ביינאכט, ביינאכט זכור ברית!

איך בין געווען דעמאלט ביי מתתי' ע"ה, ער האט מיר אריינגענומען ביי איהם אין שטוב אריין, און ער האט מיר אריינגעלייגט אין בעט אריין, און ער האט מיר געגעבן א פאר וועש, איבערטוהן א פאר וועש, און דער גאנצער עולם האט גענעכטיגט דא אין שול, מען האט מורא געהאט צו גיין אינדרויסן!

ס'איז געקומען ביינאכט פון זכור ברית, אלע בענק צונומען!

מען האט אויסגערופן אז ביינאכט וועט מען זאגן סליחות אין שול! (השואל: דער עולם ווייסט נישט אז מען וועט זאגן?) ניין, כדי מען זאל נישט אוועקגיין!

זענען אלע געבליבן אין שול, קיינער איז נישט אוועקגעגאנגען, ווייל מען האט מורא געהאט צו גיין אויף די גאס ביינאכט (לבוא שוב לביהכנ"ס לאמירת סליחות)!

איז דער עולם געקומען אין שול אריין, ס'איז א שיינער עולם געווען, איך האב גענעכטיגט ביי מתתי'ן, אויך נעבן די שול, אויסגעוואָרעמט זיך אביסל, ס'איז

געקומען פארנאכט – "אוים קראנקע", "אוים בעטן"! דער עולם איז שוין אנגעטוהן, און מען שטייט און מען זאגט זכור ברית געשמאק, גלייך ווי ס'איז גארנישט!

(השואל: ר' אברהם סופר האט געזאגט?) ניין, ר' אברהם איז דאך נישט געווען דעם ראש השנה, צוויי ראש השנה'ס נישט געווען, נישט ע"ט נישט פ', (מחמת פחד הפורעים כדלהלן).

און שוין, מען זאגט שוין, אינדערפרי מען האט אפגעדאווענט, דער גאנצער עולם איז געגאנגען צום רבי'ן אויפ'ן ציון, ממש גלייך ווי ס'איז גארנישט געווען!

מ'האט ארויסגעזעהן דעם רבי'נס גרויסקייט, נעכטן זענען זיי געלעגן אלע אין 'טיף', היינט זענען שוין אלע אויפגעשטאנען! מען גייט שוין אויפ'ן ציון, שוין פארטיג!

❖

# "אזוי ווי אלע יאר"!...

גערענק איך, ס'איז געקומען אויפדערנאכט, נאך דעם ערשטן מעריב, מען האט געדאווענט מנחה מעריב, איז אריינגעקומען איינער א שליח פון דעם (שטאט'ס) ראבינער, אן ערליכער איד געווען, נאר אביסל מאדערן, א מין "רב הראשי" אזא מין סארט, ער האט געשיקט א שליח אין אלע שולן און אויסגערופן - אז יענער רב האט געהייסן מודיע זיין אז מען זאל אפדאווענען פארטאג! ביז ס'ווערט טאג זאל ווערן פארמאכט אלע שולן, דאווענען פארטאג! ווייל ס'וועט זיין מארגן שיסערייען אין שטאט, און ס'איז א סכנה מען זאל זיין אין די הייזער, זאל מען ליגן אין די קעלערס, זאל מען אפדאווענען פארטאג - ראש השנה!

האט זיך אנגערופן ר' שמשון (בארסקי ז"ל) באלד - ר' שמשון גערענק איך איז געווען א שטילער - **"ס'איז דעם רבי'נס ראש השנה, מען זאל דאווענען אזוי ווי אלע יאר"!** מען זאל נישט מאכן קיין שום חילוק, אזוי ווי אלע יאר!

דאס איז די איינציגע שול געווען וואס מען האט געדאווענט אזוי ווי אלע יארן, אלע שולן האט מען געדאווענט פארטאג, און ווי נאר ס'איז געווארן טאג - "אוים שול"; ביי אונז - ר' שמשון האט געהאט א שטארקייט אין זיך - "דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה, און אזוי ווי מען דאווענט אלע יאר זאל מען דאווענען היינטיגס יאר"!

(השואל: אזוי איז טאקע געווען?) יא! אזוי ווי אלע יאר! מען האט אפגעדאוונט ביז דריי אזייגער, אזוי ווי אלע יאר, אין אינדרויסן איז טאקע געווען א געפערליכע זאך, און צו אונז האט זיך נישט אנדערקענט! מיר האבן געדאוונט, מען האט געזעהן - מען האט אנגעטאפט מיט די הענט אז ס'איז דא א רבי!

דער געפיל פון אונז! און דער געדאנק פון אונז (בראש השנה של רביז"ל)! ס'איז דאך א סכנה'דיגע זאך אינדרויסן (ואעפ"כ נהגנו כבכל שנה כנ"ל).

❖

# "אויס מתנגד"...

אין די נאכט, איז ר' אייזיק געקומען צו פארן פון די נייע שטאט, ער האט גענעכטיגט דארט אין א שטוב, אנטקעגן, זענען אריינגעקומען די רוצחים אין שטוב אריין צו איהם, זיי האבן געוואלט איהם שיסן, ער זאל געבן געלט, ער האט נישט געהאט מיט זיך קיין געלט, ס'איז דאך געווען יום טוב, איז געווען דארטן א כלה מיידל, האט זי זיי אוועקגעגעבן דעם גאנצן נדן, עפעס דרייצן הונדערט רובל, און זיי האבן איהם געלאזט לעבן, און זיי זענען אוועק, שוין!

נו, דאס מיידל האט געוויינט, א כלה מיידל, צוגענומען דעם גאנצן נדן! ר' אייזיק איז אוועקגעפארן - ער האט גארנישט געענטפערט איר, ער איז אוועקגעפארן נאך ראש השנה אהיים, האט ער גלייך צוריקגעשיקט מיט א שליח אפגעגעבן דעם גאנצן נדן! דעם גאנצן נדן האט ער אפגעשיקט איר!

דער 'אלעזר' וואס ר' אייזיק איז ביי איהם איינגעשטאנען איז געווען א גרויסער מתנגד - ר' אייזיק פון אומין דער וואס האט אויסגעבויעט די שול, זאגט ער: "אז איך זעה אזא מין זאך, אוים מתנגד, קיין אנדערער וואלט דאס נישט געטוהן"! כאטש ר' אייזיק איז דאך געווארן געראטעוועט, אבער ער איז דען געווען מחויב אפצוגעבן די גאנצע געלטער? די גאנצע געלט אפגעשיקט! האט ער געזאגט: איך ווער אויס מתנגד! אז אזא זאך זעהט מען ביי איך, אז מען האט באלד אפגעשיקט, באלד צוגעאיילט זיך, ווי נאר ער איז געקומען אהיים, שוין אפגעשיקט די געלט צו די כלה מיידל, זי זאל האבן אירע!

(השואל: זי איז געווען א טאכטער פון אלעזר'ן?) **איך ווייס נישט צו זי איז געווען א טאכטער, קען זיין אז זי האט זיך אויסבאהאלטן דארט, זי איז געווען דארטן, און זיי האבן געוואלט הרג'ענען ר' אייזיק'ן, נאך מענטשן געוואלט הרג'ענען, זי האט אוועקגעגעבן דאס געלט זענען זיי אוועקגעגאנגען, זיי האבן נישט געטשעפעט! ער איז געקומען אהיים האט ער באלד גענומען שוין, געשיקט א שליח און די גאנצע געלט אפגעשיקט!**

(השואל: דאס איז שוין געווען דעם לעצטן יאר זיינער?) **ניין, ער איז דאך נפטר געווארן פ"ד, דאס איז געווען דער ראש השנה פון פ'!**

❖

# "צושאסן זאל איך ווערן, נאר ביים רבי'ן זאל מען זיין"

ערב ראש השנה - ער איז געקומען צו פארן, מיר זענען געגאנגען צופוס צום רבי'ן אויפ'ן ציון, ער האט נישט געקענט, מען האט נישט געקענט פארן, נאר ארום און ארום, האט געזאגט זיין בעל עגלה: "ווי קען איך פארן? ס'איז דאך א געוואלדיגע זאך אינדרויסן"?! די באנדעס - אה ס'איז געווען!

דער בעל עגלה האט זייער געגלויבט אין ר' אייזיק'ן, ער איז געווען זיינער בעל עגלה, א איד א חסיד'ישער, ער פלעגט דאווענען ביי אונז אויך, א איד מיט בארד און פיאות, ער איז געווען א בעל עגלה.

ר' אייזיק האט א זאג געגעבן אזא ווארט, **"צושאסן זאל ער ווערן, נאר ביים רבי'ן אויפ'ן ציון זאל מען זיין"!** און דער בעל עגלה - ווי ער האט נאר געהערט דעם ווארט - "איך פאר שוין מיט ר' אייזיק'ן"![מא]

ער איז געפארן ארום און ארום און ער איז געווען ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, און ער איז געקומען קריק און שוין! ערב ראש השנה אינדערפרי, צו זיין ביים רבי'ן אויפ'ן ציון ערב ראש השנה!

---

[מא] אגב, עי' בקונטרס טעם זקנים כ' מה שסיפר רלוי"צ על ר' יצחק דוחובנא מאנ"ש בטעפליק שאמר באותה שנה: "ער מוז פארן צום רבי'ן, טאמער ער זאל אינמיטן וועג גע'הרג'עט ווערן (שהיה אז בתקופת השתוללות הפורעים הרוצחים באוקריינא) - בין איך דאך געווען פאראיאר אויף ראש השנה! זיין דא און נישט זיין אין אומאן אויף ראש השנה - ווי קען דאס זיין אין דער וועלט"?!

נאך ראש השנה איז ער אוועקגעפארן, און ער איז געקומען אויף יום כיפור קריק, יום כיפור איז שוין געווען שטילער, איז געקומען ר' אייזיק צוריק צו דאווענען מיט אונז!

❖

# 'ובזרעו אחריו'...

דעם לעצטן ערב ראש השנה וואס ער איז נפטר געווארן, ח"י טבת, דעם ערב ראש השנה איז ער שוין געווען שלאַף, דאס איז דער ראש השנה פון פ"ד, ער איז נפטר געווארן ח"י טבת תרפ"ד, יענער ערב ראש השנה איז ער געפארן מיט זיין בעל עגלה און ער איז געשטאנען פון דערווייטנס, ער האט נישט געקענט אראפגיין, און ער האט געזאגט די צען קאפיטלעך פון דערווייטנס, בלאס אינגאנצן.

נאכדעם האט ער צושריגן זיך "**ובזרעו אחריו**"! ער האט אנגעהויבן צו זאגן דעם "הבוחר בדוד עבדו - ובזרעו אחריו", (בתפלת יהי רצון שלפני אמירת תהלים), ביים רבי'נס ציון, דער רבי איז דאך מזרע דוד המלך! "**ובזרעו אחריו! ובזרעו אחריו**"![מב]

ער האט אפגעזאגט די צען קאפיטלעך תהלים און ער האט אסאך געוויינט, און נאכדעם צוגעגאנגען ווייטער, נאכדעם האט ער גערעדט מיט א שמחה!

(השואל: ער האט נישט געקענט זיין ממש אויפ'ן ציון?) ניין, ער איז שוין געווען קראנק שוין, און ער האט שוין נישט געדאווענט אין שול דעמאלט.

(השואל: ער איז געפארן צוריק אהיים צו די נייע שטאט, אויף ר"ה?) יא, ער איז געבליבן אינדערהיים, ראש השנה איז מען געגאנגען צו איהם, מען איז געגאנגען צופוס! (לבקרו).

אה, דעם ערב ראש השנה ווי ער האט געזאגט די צען קאפיטלך תהלים, אזוי פיל בכיות און געוויינט! - ר' אייזיק, יא.

נאכדעם זענען צוגעגאנגען פון אונזערע לייט, ער האט גערעדט פונעם רבי'ן, אה!

❖

[מב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק', וחיי מוהר"ן אות רל"ו.

# סיפורי התלאות והנסים בימות הפורעים ימ"ש בשנות תרע"ט - תר"פ

(אחד הנוכחים: ר' אלטר טעפליקער איז דעמאלט געהרג'ט געווארן?), **תרע"ט תענית אסתר!**

איך האב דארטן געוואוינט אין זיין שטוב! (אחר פטירתו כדלהלן), ס'איז אריינגעקומען די רוצחים, האט ער זיך זייער דערשראקן פאר זיי, איז ער אריין צווישן די שאנק, דארטן איז דא א שאנק און דא איז דא א שאנק, ער האט זיך אריינגעקוועטשט אינעווייניג אריין - ר' אלטר, און זיי האבן געשריגן "גיב געלט", "גיב געלט"!

זיי האבן נישט געהאט קיין געלט, און דער זוהן אליעזר האט געהאט געלט, און קען זיין אז ער וואלט ווען געראטעוועט אויך, נאר ר' אלטר'ס זוהן איז געלעגן דארטן פארבאהאלטן!

❖

איך האב געראטעוועט מיין שווער דורך דעם, ס'איז אריינגעקומען די רוצחים, איך בין געלעגן אונטער א בעט פארבאהאלטן, זענען אריין די רוצחים, אנגעכאפט דעם שווער, "גיב געלט", "גיב געלט"! אויסגעשטרעקט דעם ביקס גלייך אויפ'ן הארץ "גיב געלט", זי עליה השלום (אשת רלוי"צ) האט איהם אנגעכאפט ביי די הענט (של הרוצח), זי האט ליב געהאט זייער דעם פאטער, זי האט אנגעכאפט ביי די הענט ער זאל נישט הרג'ענען! האט זיך דער אנדערער רוצח אנגערופן, "לאז איהם אפ, ער וועט דיך באלד הרג'ענען"!

האב איך נישט געקענט פארליידן, בין איך ארויס פון אונטערן בעט, זאג איך זיי, "איך גיב אייך געלט", "איך גיב אייך געלט"! דאס איז געווען פרייטאג צונאכטס, איך האב געהאט דארטן אין עפעס א צימער ליגן דארטן ספרים, איז געלעגן דארט אין א ספר עפעס אביסל געלט, און ס'איז פינסטער, ס'איז פרייטיג צונאכטס, און ווי וועל איך פונקט טרעפן דעם ספר? און איך האב נאך געוואלט ס'זאל נאך בלייבן עפעס פאר די שטוב אויך (על כן לא רצה להראות להם מקום הספר), האב איך געבעטן דעם אויבערשטען איך זאל טרעפן דעם ספר! איך זאל נעמען די געלט - איך זאל טרעפן דעם ספר! ס'איז דאך א שאנק מיט ספרים!

דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן, איך בין צוגעגאנגען, איך האב געטראפן דעם ספר! איך האב ארויסגענומען די געלט און איך האב עפעס איבערגעלאזט! "נאדיר געלט"! "פון וואנעט האסטו גענומען דאס געלט"? (- שאלו הרוצחים), האב איך געזאגט: "אין א שופלאד דארטן"! "נו, איר זענט דאך ארימעלייט לאזט מען אייך לעבן"! זענען זיי אוועק!...

❖

(חסר, מספר איך שהלך להביא מגילת אסתר ביום הפורים במסירת נפש באותה שנה) - - - נעמען די מגילה, די רוצחים האבן מיר באגעגענט אויפ'ן וועג, איך האב געהאט געוואלדיגע ניסים, איך בין אריין צום זיידן, איך האב געבראכט די מגילה! (השואל: וועלכער זיידע - ר' אהרן'ס א שווער?) יא! א גרויסער ערליכער איד געווען!

איך האב געבראכט די מגילה, איך האב געליינט די מגילה, נאך אין א מגילה (כדינה)! ס'שטייט דאך "חייב אדם",[מג] "חייב" דארף מען האבן מסירות נפש!

❖

און "פסח" האב איך נאך געבאקן מצות אין שטוב! און ביים סדר זענען מיר געווען אלע צוזאמען, דער שווער אויך, און חול המועד האב איך געזאגט: "איך גיי אוועק! איך האב מורא! איך גיי אוועק צופוס קיין טעפליק"!

דער שווער איז אויך אוועק עפעס צו אן אנדער דארף, און זיי זענען נאך געבליבן - זי (אשתו) עליה השלום און משה (הבן של רלוי"צ) עליו השלום, זיי זענען נאך געבליבן אין שטוב, איך בין אוועק קיין טעפליק צופוס, דארטן איז געווען אביסעלע מער אפגעהיטן, אז ס'איז א גרעסערע שטאט קען מען דאך אפקויפן מיט געלט, זיי האבן דאך געוואלט געלט אסאך, איך בין אנגעקומען קיין טעפליק צופוס, איך קום אן, גלייך האב איך געזעהן צו שיקן - אין שטוב (בקיבליטש) איז גארנישט געוועזן, האב איך גלייך געמאכט מצות אסאך, נאך זאכן, און גלייך אוועקגעשיקט קיין קיבליטש זיי זאלן האבן וואס צו עסן!

---

[מג] שו"ע או"ח סי' תרפ"ז ס"א.

(השואל: צו וועמען זענט איר געגאנגען דארט אין טעפליק?) **אונזערע לייט זענען געווען דארטן!**

**און באלד נאך יום טוב זענען זיי** (שאר המשפחה) **גלייך געקומען קיין טעפליק, און ר' אלטר האט שוין נישט געלעבט, ר' אלטר טעפליקער איז דאך גע'הרג'ט געווארן, האב איך געדונגען ר' אלטר'ס שטוב, איך האב געוואוינט דארטן צוויי יאר אין ר' אלטר'ס שטוב!**

(השואל: וואו האט זי געוואוינט - ר' אלטר'ס ווייב?) **זי איז געווען דארטן מיטן זוהן אליעזר'ן, איך האב געדונגען די דירה ביי אליעזר'ן, געצאלט דירה געלט, און נאכדעם זענען זיי** (הרוצחים) **אריין אין קיבליטש, מען האט אלעמען אויסגע'הרג'עט! און ווער ס'איז אנטלאפן איז געבליבן לעבן!**

**דאס אייגענע איז געווען אין טשעהרין אויך, די וואס זענען געבליבן זענען אלע געווארן אויסגע'הרג'עט, מ'איז אנטלאפן קיין קרימינטשאק, און ווער ס'איז געבליבן האבן זיי אויסגע'הרג'עט!**

(השואל: "חיים קצב" - מתושבי אנ"ש שנתקרב לאנ"ש - איז נאך געווען דעמאלטס?) **חיים קצב איז אוועק קיין הייסין, און דארטן איז ער געשטארבן און א אלט-הויז** (מושב זקנים).

(השואל: און בשעת איר זענט אריין אין ר' אלטר'ס שטוב, איז נאך געווען אן איבערקערעניש דארטן אין די שטוב?) **יא! אוי, א גאנצן זומער האט זיך געגאסן בלוט אין טעפליק, א גאנצן זומער, אלעמאל האט זיך געגאסן בלוט, טייכן בלוט!** (השואל: בשעת איר זענט געווען דארט?) **יא, יא!**

❖

**דאס איז אלץ געווען אין דעם זומער פון ע"ט, דעמאלט איז גע'הרג'ט געווארן ישראל כהן ע"ה, פון אומאן אסאך מענטשן גע'הרג'ט געווארן, נו וואס ס'האט זיך דעמאלטס געטאן, ר' אלחנן איז דעמאלטס געוועזן, אלץ איז געווען דעם זומער פון ע"ט!**

**און אויף תר"פ איז געווען די "פ' הידוע", ראש השנה** (כנ"ל)**!** (ר' נחמן בורשטיין: "מעשה ידך אל תר"פ"!) **מעשה ידך אל תר"ף! וואס דעמאלטס האט זיך געטוהן!**

אבער ס'איז געווען א געוואלדיגער שיינער דאווענען געווען, אה, געוואלדיגער דאווענען געווען, ס'האט מרעיש עולם געווען אונזער דאווענען!

(השואל: אבער ס'איז געווען א קליינער עולם הייסט עס?) ניין, א שיינער עולם געווען! ס'איז געווען א מנין, "יענקעלע כהן" (בארזעסקי ז"ל) איז דעמאלטס אנגעקומען, אינמיטן יום טוב איז ער אנגעקומען צופוס! א אינגל צופוס (פון פוילן)!

ער איז געלעגן אין א גרוב, מען האט איהם ארייגעשאסן, זיי האבן געמיינט אז מען האט איהם שוין געשאסן, איז ער אוועק פונעם גרוב, ער איז געקומען צופוס, ער איז געקומען קיין אומאן אין שול אריין, ער איז געווען דער צענטער - צען מענטשן זענען געקומען אויף ראש השנה פון דער פרעמד, און די איבעריגע (אנ"ש תושבי אומין) איז געווען א שיינער עולם, פון דער פרעמד איז געווען צען, און יענק'עלע איז געווען דער צענטער! ר' שמשון האט איהם געזאגט: "דו ביסט דער צענטער"!

(ר' נחמן בורשטיין: מען האט דעמאלט געקלערט א שאלה וועגן חוץ לתחום?) וואס איז שייך? ער האט זיך דאך געראטעוועט!

(אחד אומר: - אזוי אויך ישראל נחמן [אנשין] - שהוליכו אותו בראש השנה לקישינעב בשנות התש"ל) ווען האט מען איהם געבראכט קיין קישינעוו? אויך אום ראש השנה? (אחד עונה: ס'איז געווען בעל כורחו)!

דארטן איז אויך געווען בעל כורחו, ס'איז נישט בעל כורחו? אז זיי זענען דאך געווען פול אויף אלע וועגן, אלע גאסן זענען זיי - (הרוצחים) געווען פול, און א קליין אינגעלע - אין גרוב האט מען איהם ארייגעשאסן!

(השואל: ער איז אליין געקומען פון פוילן?) פון פוילן! זיך בא'גנב'עט די גרעניצן! דער עיקר איז געווען אז ער איז געקומען נענטער צו אומין, דא איז שוין געווען די הריגות מיט די באנדעס, ברוך השם ער איז געווארן געראטעוועט!

יענק'עלע - ער איז דעמאלטס געווען א קליין אינגעלע (בחור צעיר)! היינט ברוך השם האט ער שוין אור-אייניקלעך!

(השואל: פון דארטן איז ער געפארן קריק קיין פוילן?) ער איז נאך געבליבן א שטיקל צייט אין אומין! (ומשם נסע לאר"י).

❖

און דעמאלטס איז אויך געווען א השגחה, ווען מען האט געהייסן שיסן האט מען געשאסן!...

ר' שמשון פלעגט דערציילן, אז ער איז געווען אויפ'ן בוידעם - פארבאהאלטן זיך, זיי זענען ארויף, איהם אראפגעשלעפט, און זיי האבן אויסגעשטרעקט דעם ביקס שוין צו שיסן איהם, ס'איז געקומען איינער אונטן, האט ער געזאגט: "שיס נישט"! און מ'האט איהם איבערגעלאזט! (השואל: ווער? א גוי?) ער ווייסט נישט ווער!

ר' שמשון פלעגט עס דערציילן און מאכן א סעודת הודאה!...

(ר' נחמן בורשטיין: ער האט אויך דערציילט דער אלטער ר' נתן [שטערנהארץ] אז נאך די מעשה איז מען געגאנגען קובר זיין, מען האט דאך אויסגע'הרג'עט, איז ער א דורכגעגאנגען מיט די גאנצע חברה, דערוויל אזוי ווי ער האט געטראגן איז געקומען א פרישע באנדע, האבן זיי איבערגעלאזט אלע נפטרים און אנטלאפן, אבער ס'איז גע'הרג'ט געווארן נאך מענטשן אסאך! איז עפעם אזוי אנטלויפנדיג האט מען איהם געכאפט, איהם מיט נאך איינעם, אזוי ווי ער איז געגאנגען אויפ'ן וועג האט דער רוצח געהאלטן אויף איהם אין האלז אריין דעם ביקס, און ער האט געגעבן א שאס, און ס'האט איהם געגעבן א גליטש און גע'הרג'ט א צווייטן!...)

די נפטרים זענען געלעגן עטליכע טעג, ביז זיי זענען געקומען פון אומאן (- החברה קדישא), זיי האבן געבראכט לקבורה, ר' אלטר - אלע זענען געלעגן, מען האט אלע אויסגעלייגט אויפן פעלד לקבורה, און אינמיטן איז געקומען נאך א באנדע (רוצחים), האט מען איבערגעלאזט אלע נפטרים און זיי זענען אלע אנטלאפן, און די מתים זענען געבליבן ליגן אויף דער ערד, און עטליכע טעג געלעגן אויף דער ערד אזוי אינדרויסן, נאכדעם אז ס'איז געווארן שטילער איז מען געקומען צו גיין און מען האט זיי געבראכט לקבורה!

❖

ביי מיר איז אויך אזוי געווען, ווען ער איז אריין דער גרויסער גזלן, "וואליניץ", א גזלן הידוע אין טעפליק, מען האט זיך פארבאהאלטן, און איך האב עפעס געוואלט אנטלויפן אין א אנדער שטוב, און מען האט מיר געפאקט אינמיטן וועג, האט איינער אויסגעשטרעקט דעם ביקס - שוין אויף צו שיסן, האט ער אראפגעלאזט דעם ביקס, און ער האט מיר אנגעהויבן שלאגן, מיט דעם "פיקלאד" - מיט'ן ביקס אונטן מיט'ן גראבן פלאץ, האט ער מיר איבערגעבראכן אביין פונעם פוס, און ער האט מיר געזאגט: "לויף"! ער האט געריטן אויף א פערד, "לויף! אויב איך וועל דיר דעריאגן

וועל איך דיר הרג'ענען אויפ'ן וועג, טאמער וועל איך דיר נישט דעריאגן - וועסטו אריינלויפן דארטן"! - דארטן אינמיטן גאס זענען געלעגן אלע מענטשן אויסגעלייגט אויף צו שיסן זיי - זאל איך לויפן אריין אויך צו זיי צוזאמען!

און איך האב געשפרונגען אויף איין פוס, דער אויבערשטער האט מיר געגעבן א כח, מיט איין פוס בין איך געשפרונגען אז ער האט מיך נישט געקענט דעריאגן מיט'ן פערד! דער פוס איז שוין געווען צובראכן, איך האב נישט געקענט גיין אויף דעם פוס, איך בין צוגעשפרונגען אזוי, און איך בין אריין צווישן אלע אידן.

נו, הכלל מיט אלע אידן געלעגן דארטן, שוין אויסגעלייגט טויזנטער מענטשן דארטן, ס'איז געווען כ"ד תמוז, און ס'האט געברענט "כמוציא חמה מנרתיקה" האט געברענט די היץ, ארום און ארום איז געווען הונדערטער רוצחים, כ"ד תמוז איז עס געווען, און דעמאלט האט ער געהייסן - דער גזלן האט גערופן מענטשן זאל צוגיין צו איהם - ער האט גערופן מענטשן צו זיך צום שיסן! האט ער א מאך געגעבן צו מיר אויך, און איינער האט זיך פארבאהאלטן אונטער מיר, האט ער (געוויזן) אז ער מיינט דעם וואס ער איז אונטער מיר, האט יענער געמוזט ארויסגיין, האט ער "עטליכע און דרייסיג מענטשן" אויסגעבונדן, ער האט זיי אוועקגעלייגט מיט'ן פנים צו דער ערד, און ער האט איבערגעטרעטן מיט די פערד אויף זיי!

און די היץ האט געברענט, תקופת תמוז, א געוואלד האט געברענט די היץ, און נאכדעם איז עפעס א נס געווען, ער האט געוואלט אלע אויסשיסן, ס'איז עפעס א נס געווען - מען האט זיך עפעס איבערגערשראקן און אנטלאפן, און ער האט מיטגענומען מיט זיך די עטליכע און דרייסיג מענטשן, און ער האט אנגעזאגט די שטאט: "אז אויב ביז דריי טעג וועט מען נישט קומען אויסלייזן די מענטשן פאר עפעס אזא מין סומע געלט, א געוואלדיגע סומע געלט, וועט ער זיי אויס'הרג'ענען! און אויב מען וועט קומען - וועט ער זיי לאזן לעבן"!

און דער דריטער טאג איז געווען שבת, מען האט צוגעגרייט אז מען זאל קומען אויסלייזן אפילו שבת, ראטעווען! און שבת איז אנגעקומען א אנדערע באנדע, און זיי האבן איבערגענומען די מענטשן וואס האבן געפירט די געלט, מען האט גענומען דארטן גוים דאקטוירים, די גוים פון די שטאט, זיי האבן אוועקגעפירט דאס געלט זיי זאלן ראטעווען די עטליכע און דרייסיג מענטשן, ס'איז געקומען אויפ'ן וועג האט מען

זיי איבערגענומען! "וואו פארט איר"? דערציילן זיי די מעשה דארטן! האט מען צוגענומען די געלט! האט מען זיי טאקע דארט אלע גע'הרג'ט, אלע אויסגע'הרג'עט!

נאכדעם איז געווען א שטיק צייט מיט'ן פוס, ביז די פוס האט זיך אויסגעהיילט.

❖

(השואל: דאס איז געווען א מלחמה קעגן די אידן דווקא?) נאר אנטקעגן אידן! אלע האבן געפרעסן געזויפן אידיש געלט, אידיש פארמעגן, נאר אנטקעגן אידן!

(השואל: אין ברסלב האט מען אויך יענעם מאל גע'הרג'ט?) אין טולטשין איז דעמאלט גע'הרג'ט געווארן, אין ברסלב, אין נעמירוב, אוודאי!

אז ס'האט זיך געענדיג די גרויסע וועלט'ס קריג (מלחה"ע הראשונה), אז ס'ענדיגט זיך א קריג איז די אלע געווער גיבן זיי אוועק צוריק, א חייל מוז אפגעבן די געווער, אבער אז מען האט גע'הרג'ט דעם קיסר, מען האט ניקאליי'ען גע'הרג'עט, איז נישט געווען קיין קיסר, האבן זיי מיטגענומען אלע געווער מיט זיך! אלע געווער פון די מלחמה האבן זיי מיטגענומען מיט זיך, האבן זיי דאס אויסגענוצט אויף אויסצו'הרג'ענען אידן!

תרע"ד (היתה המלחה"ע) - ביז ע"ז, און ע"ז האט מען גע'הרג'עט דעם קיסר ניקאליי'ען, ס'איז געווארן די קאמוניסטן, ס'איז געווארן א וועלט! ס'האט זיך אנגעהויבן צו באארבעטן א וועלט! מען האט גע'הרג'עט ניקאליי דעם קיסר, מיט אלע קינדער, אינגאנצן אויסגע'הרג'עט אלע, און יענער דארטן ימח שמו האט איבערגענומען די מלוכה, און ס'איז געווארן די באלשעוויקעס, און מען האט אנגעהויבן הרג'ענען!

זיי (הקומוניסטן) האבן נישט געשאסן קיין אידן, (אחד הנוכחים: זיי האבן דאך אליין געהאט אידן גרויסע) נאר וואס דען, די באנדעס האבן גע'הרג'ט אידן! זיי - די באנדעס - האבן געזאגט אז "אידן זענען קאמוניסטן"! (השואל: די באנדעס זענען געווען אנטקעגן קאמוניסטן?) אוודאי, אוודאי!

❖

אוי דאס איז געווען! נאר וואס דען - ביי אונזערע לייט טאקע האט מען געזעהן גרוואלדיגע ניסים, אין אומין איז געווען עפעס - ניסים געווען! אין די צרות האט מען געזעהן געוואלדיגע ניסים!

אין דעם ראש השנה פון פ' - איז געווען ממש דער "שארף פון שווערד" איז געווען! (רצ"ל שנתקיים אצל אנ"ש מה שאמר פעם מוהרנ"ת - מובא בשיש"ק: ווען עס וואלט געווען די גאנצע וועג אנגעלייגט מיט שארפע שווערד אויף ארויף, וואלט איך זיך געראטשקעט אויף די הענט און אויף די פיס, און איך וואלט געפארן וכו', ועי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ג').

(השואל: ראש השנה פון פ' האט איר נאך געהאט א צובראכענע פוס?) יא, ס'איז אזוי געווען דעמאלט - אז מען האט גארנישט געקוקט, צובראכן, נישט צובראכן, יעדער איינער איז געווען ביי זיך אזוי ווי לאחר יאוש, אז נישט היינט איז מארגן, מען איז עפעס א מענטש געווען דעמאלט?!

(השואל: מען האט נישט געקענט אנטלויפן?) ס'איז געווען וואס זענען אנטלאפן, ס'איז געווארן געראטעוועט אויך אסאך, מען איז געלאפן, געלאפן, גע'הרג'עט, געלאפן ווייטער.

אז ס'איז אנגעקומען קאמוניסטן איז מען געפארן צוזאמען מיט זיי, פאר די קאמוניסטן האבן זיי כאטש מורא געהאט, די קאמוניסטן האבן זיי גע'הרג'עט, אסאך מענטשן זענען געפארן צוזאמען מיט זיי, אסאך האט מען גע'הרג'ט פון זיי אויך, נו!

(אחד הנוכחים: השם נפשינו בחיים!)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **זלמן לייב ראזענבערגער** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למזל טוב** | מוה"ר **יואל לוי ניימאן** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב** | לעילוי נשמת מוהר"ר **אברהם** ע"ה ב"ר **משה דוד** הי"ו **געטץ**<br>נלב"ע א' דר"ה תשע"ט, תנצב"ה |